# אומעטום

ס'איז אומעטום פֿאַראַן אַזאַ מין שטוב
מיט מענטשן פּשוטע, וואָס גייען אום
אין זיך פֿאַרשווייגענע, מיט ליפּן שטום
פֿון צער, געבויגענע פֿון פּיין
זיי זײַנען שטיל אין זיך אַרײַן —
ס'איז אומעטום פֿאַראַן אַזאַ מין שטוב.

ס'איז אומעטום פֿאַראַן אַזאַ מין ערד.
בויג זיך אײַן און זע ווי יעדעס אָרט
איז אָנגעזאַפּט מיט צער, ווי אונזער וואָרט
וואָס טראָגט אונטער די שלייערן פֿון קלאָג
אַזויפֿיל גלויבן אין אַ יום־טובֿדיקן טאָג —
ס'איז אומעטום פֿאַראַן אַזאַ מין ערד.

ס'איז אומעטום פֿאַראַן אַ ליכטיק אויג
וואָס היט דעם שווערן גאַנג פֿון מידע טריט.
וואָס עפֿנט זיך, ווי ס'עפֿנט זיך אַ ליד
און יעדע שורה ווי אַ ברכה בענטשט
— די מי און שווייס פֿון וואַכעדיקן מענטש
ס'איז אומעטום פֿאַראַן אַ ליכטיק אויג.



